NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01406

# GUR ARYEH

Rachel Shabad

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Jim, Joanne, Eve, David & Michelle*
*in honor of*
*Mickey & Harold Smith*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל שאבאד.

# גור אַרְיֵה

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTREAL

קינדער־ביבליאָטעק, פֿאַרלאַג „יודיש“, וואַרשע

# גור אריה.

אין פּראָג איז אַמאָל געווען אַ גרויסער רָב און געהייסען האָט ער גור אַרְיֵה.

און געווען איז גור אַרְיֵה אַ גרויסער בַּעַל-מִדָּה און אַ גרויסער חָכָם און פון די אַרומיגע ישוּבִים, שטעדט און שטעדלעך פלעגט מען קומען צו איהם נאָך עֵצוֹת און נאָך אַ גוט וואָרט.

האָט דערגרייכט זיין נאָמען צום מֶלֶך פון דער מְדִינָה, און דער מֶלֶך האָט בעפוילען, מען זאָל ברענגען אין פּאַלאַץ אַריין דעם גור אַרְיֵה.

איז דער רָב געקומען צום מֶלֶך, זעהט דער מֶלֶך, אַז דער רָב איז אַ גרויסער חָכָם, האָט ער איהם ליבער בעקומען פון אַלע זיינע הויפליים און האָט זיך שטענדיג מיט איהם מְתִיַעֵץ-גֶעווען.

אָבער די הויפלייט האָבען פיינט געקראָגען דעם רָב און האָבען תָּמיד געזוכט עפּיס אַ תַּחבּוּלָה, ווי אַזוי אַרויסצוטרייבען דעם יודען פון מֶלֶכ׳ס פּאַלאַץ.

די הויפלייט האָבען זיך נוֹהֵג-געווען צו מאַכען אַלע חוֹדֶש אַ מאָלצייט פאַר׳ן מֶלֶך. פלעגט קומען דער מֶלֶך און זיך מְשַׂמֵחַ-זיין מיט זיי אַ גאַנצע נאַכט. דעמאָלט פלעגען ברענען די פייערן אין פּאַלאַץ, ווי גאָלדענע זונען און זיסע פידעל-קלאַנגען פלעגען לייכט אַרומבלאָנזשען אַרום די ליכטיגע פענסטער פון פּאַלאַץ.

אָבער גוּר אַרְיֵה איז נישט געווען רייך, ווייל זיין געלד האָט ער שטענדיג צוטיילט צווישען אָרימע און געדריקטע. האָט ער קיינמאָל קיין מאָלצייטען נישט געמאַכט פאַר׳ן מֶלֶך, און איינמאָל האָט ער זיך אַפִּילוּ אָנגערופען:

„בעסער צוטיילען דאָס געלד פון די מאָלצייטען פאַר אָרימעלייט.“

און איינמאָל האָט דער עלטסטער פון די הויפלייט געזאָגט צום מֶלֶך:

„אֲדוֹנִי הַמֶלֶך! אַלע דיינע הויפלייט און אַלע דיינע שָׂרָרוֹת מאַכען שטענדיג אַ גרויסאַרטיגען מאָלצייט פון דיין כָּבוֹד-וועגען און די פערברענגסט זעהר גוט אַ נאַכט מיט זיי, אָבער

דער יוד, וואָס זיצט אין דיין פּאַלאַץ, האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געטהאָן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט קיין מאָל-צייט פונ׳ם מֶלֶכ׳ס וועגן.״

אויסגעהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט דער מלך אַריינ-גערופען דעם רָב און געזאָגט:

„הער נאָר, מיין פריינד! מיינע הויפלייט זאָגען, אַז דו האָסט מיך נישט ליב. מיינע הויפלייט מאַכען מיר שטענדיג פרעהליכע מאָלצייטען, אָבער דו האָסט עס נאָך קיינמאָל נישט געטהאָן. מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט מיך באֶמֶת נישט ליב...״

האָט דער רָב געזאָגט:

„אֲדוֹנִי הַמֶלֶך! אין אַ וואָך אַרום וועל איך מאַכען אַ מאָלצייט פון דיין כָּבוֹד-וועגען און איך וועל אויך פערבעטען דיינע הויפלייט.״

אין דעם אייגענעם טאָג האָט דער מלך געזעהן דעם עלט-סטען פון זיינע הויפלייט, האָט ער איהם דערצעהלט, וואָס גור אַרְיֵה האָט איהם געזאָגט, אָבער יענער האָט זיך צולאַכט און זיך אָנגערופען:

„גלויב איהם נישט, אֲדוֹנִי הַמֶלֶך. זאָלסט וויסען, אַז ער איז אַ גרויסער קַבְּצָן. לעדיגע קעשענעס האָט ער. ווי אַזוי וועט ער מאַכען אַ מאָלצייט?״

האָט דער מֶלֶך אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען און גע-
זאָגט:

„אָבער דער יוד איז זעהר אַנ׳עהרליכער מאַן. ער טוהט
שטענדיג דאָס, וואָס ער זאָגט.״

אין עטליכע טעג אַרום האָבען די הויפּלייט שטילערהייט
צוגעשיקט אַ מענשען, ער זאָל זעהן, צי דער רָב מאַכט הַכָנוֹת
צום מאַלצייט. קומט יענער באַלד צוריק און קייכט פּאַר געלעכ-
טער. די אויגלעך זענען פערגאָסען, די ליפּען פּלאַצען אויף די
צייהן פון לאַכען.

„וואָס לאַכסטו אַזוי? רייד שוין, וואָס האָסטו דאָרט גע-
זעהן?״—פרעגען די הויפּלייט אין איין קול.

אָבער אַז דער לאַכער קומט עטוואָס צו זיך, קאָן ער
קוים אַרויסבוואַרפען פון דער צונג:

„דער רָב זיצט און לערנט, און די שטוב איז טויט און
לעדיג... קיין שום זֵכֶר פון עפּיס אַ מאַלצייט.״

ביי דעם עלטסטען פון די הויפּלייט האָבען געגומען גלאַנ-
צען די אויגען.

„גוט, גוט,—האָט ער געזאָגט.—דאָס יודעל וועט שוין
האָבען אַ וויסטען סוֹף. דער מֶלֶך וועט איהם אַוַדַאי אַרויס אָגען
פון פּאַלאַץ.״

זענען ווידער פערלאָפען עטליכע טעג. שיקען ווידער אַ מענשען די הויפלייט. זיי קאָנען זיך נאָך אַלץ נישט בערוהיגען. אֶפשָר האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די הַכָנוֹת פונ׳ם רָב׳ס מאָל-צייט?

געהט דער מענש און קומט צריק און לאַכט ווידער.

„עט! ווייס איך וואָס. עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. דער רָב זיצט און לערנט. ער האָט, אַ־גָנים, פערגעסען אין דער גאַנ-צער מַעֲשֶׂה.״

פאַטשען די הויפלייט מיט די הענד און גלעטען זיך די שענע בערד און ריידען צופרידען און גליקליך:

„גוט, גוט! ער וועט שוין בעקומען זיין ווייסטען סוף. איצט וועט דער מֶלֶך זעהן, אַז דאָס יודעל האָט איהם גע נאַרט...״

נאָר אָט האָט זיך שוין אונטערגערוקט דער טאָג פון מאָלצייט. די לעצטע נאַכט האָבען די הויפלייט נישט געשלאָ-פען פון אונגעדולט. זיי האָבען מיט אַנ׳אויג נישט צוגעמאַכט. זיי האָבען שוין געוואָלט זעהן אַ נְקָמָה אין יודען, וואָס איז אַזוי בעליבט ביים מלך. באַלד ווי עס איז נאָר טאָג געוואָרען, זענען זיי אַזוי סגעשפרונגען פון די בעטען, זיך שנעל צָנגע-

טהאָן, אין געלאָפען אַ קוק טהאָן, וואָס הערט זיך מיט׳ן מאָלצייט.

די צייט לויפט דערווייל זעהר האַסטיג. אָט איז שוין אַ שעה צום מאָלצייט—און דער רָב איז נאָך נישטאָ, אָט איז שוין אַ האַלבּע שָעה—און אַרום איז שטיל, ווי אויף אַ בֵּית-עוֹלָם. קיין שום אַרבּייט, קיין שום הֲכָנ׳ת צום מאָלצייט.

„ער וועט שוין אַוַדאי נישט קומען,״—האָבּען זיי זיך שטיל איבּערגעשמועסט און די אויגען האָבּען געבּרענט פון שִמחָה.

אָבּער אין דער אייגענער רֶגַע האָט זיך בּעוויזען דער רָב, אָנגעטהאָן אין בִּגדֵי יוֹם-טוֹב, און האָט פערבּעטען דעם מלך און די הויפליית צום מאָלצייט.

האָבּען זיך די הויפלייט איבּערגעקוקט צווישען איינאַנדער און קיין וואָרט נישט גערעדט.

בּאַלד דערויף האָט מען זיך אַריינגעזעצט אין שענע קאַ-רעטעס און זענען צוזאַמען מיט׳ן רָב אַרויסגעפאָהרען פון דער שטאָדט. דער מֶלֶך איז געפאָהרען פאָראויס. פאָהרען זיי און פאָהרען, דערזעהען זיי פלוצלונג אַ שענעם פּאַלאַץ און אַרום דעם פּאַלאַץ אַ גאָרטען און אינ׳ם גאָרטען שטעהען ריזענבּוימער און אויף די בּוימער וואַקסען גאָלדענע פֵּירוֹת.

,,...און דער רב האָט פֿערבעטען דעם מלך צום מאָלצייט.

האָט דער רבֿ אָבשטעלען די קאַרעטעס און פערבעט דעם מלך מיט די אַלע געסט אין פּאַלאַץ אַריין.

קומען זיי אַריין אין פּאַלאַץ, בעווייזען זיך תּיכף פון די הויכע אָפענע טירען יונגע שלאַנקע דינער מיט ווייסע האַנד-טיכלעך אויף די אַקסלען. קוקען זיך ווידעראַמאָל איבער די הויפלייט צווישען איינאַנדער און די פּנימ׳ער פלאַמען זיי איצט פון צאָרן און חרפּה, אָבער זיי שווייגען און ריידען אַ וואָרט נישט.

פּלוצלונג האָט זיך געעפענט אַ הויכע טיר און די געסט האָבען דערזעהן אַ גרויס צימער מיט לאַנגע גאָלדענע שטוהלען, מיט גאָלדענע טישען, און אויף די טישען האָט זיך געפונען פון כּל-טוב, און די גאָלדענע כּלים, אין וועלכע עס זענען געלעגען די מאכלים, האָבען געלויכטען, ווי פייערן. צווישען די כּלים און געפעסען זענען געלעגען קרענצעלעך פּערל און איינצעלנע דימענטען און בריליאַנטען און פון די וועגד איז אויפגעגאַנגען אַ בלויער שיין, ווי פון הימעל.

„ווי גוט און ווי שען דאָ איז,“—האָט דער מלך געטראַכט אָבער ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר געשוויגען.

„מיינע חשוב׳ע געסט!—האָט זיך אָנגערופען דער רבֿ.— זעצט זיך צום טיש, עסט און טרינקט און זאָל אייך וואויל בעקומען.“

האָט זיך דער מֶלֶך אַנידערגעזעצט ביים טיש און אַרום איהם—אַלע הויפּלייט. הינטער יעדען שטוהל האָט זיך באַלד אַנידערגעשטעלט אַ דינער און געוואַרט אויפ'ן קלענסטען בע-פעהל פון גאַסט.

די געסט האָבען זיך פריהער געוויילט און נאָכדעם גע-געסען. לייכטער גוטער וויין, וואָס האָט נישט פער'שכּור'ט, האָט זיך געגאָסען פון קריסטאָלענע פלעשער אין הויכע דינע גלעזלעך, און יעדער האָט געשפּירט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזאַ שענעם און רייכען מאָלצייט.

קיין מוזיק האָט אויך נישט געפעהלט.

פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט שפּילען אַנ'אָר-קעסטער, אָבער מען האָט איהם נישט געזעהן, און פרעהליכע קלאַנגען האָבען דאָ אויך לייכט אַרומגעבלאָנזשעט אַרום די ליכטיגע פענסטער.

דער מלך, וואָס איז געוועהנט געווען צו גאָלדענע פּאַ-לאַצען און בריליאַנטענע כּלים, האָט נאָך אין לעבען נישט גע-זעהן אַזויפיל עשירות און אַזויפיל פּראַכט. דאַכט זיך, אַ קליי-ניגקייט: ער האָט קיינמאָל נישט געזעהן אין לעבען אַזאַ שען זאַלצמעסטעלע. דאָסדאָזיגע זאַלצמעסטעלע איז געווען בעשאָטען מיט בריליאַנטען און האָט געלויכטען מיט גרינע און רויטע פייערלעך.

לאַנג האָט זיך געצויגען דער מאָלצייט, צולעצט איז מען אַרויס אין גאָרטען. די שלאַנקע בוימער, בעגאָסען מיט זון, זענען געשטאַנען שטאָלץ און שווייגענדיג, אָבער די צווייגען, בעלאָדען מיט צייטיגע פֵּירות, האָבען זיך גענויגט צו די געסט און זיך געבעטען:

„געניסט פון מיינע פרוכטען... געניסט פון מיינע פרוכטען..."

און די פֵּירות האָבען זיך לייכט געלאָזט רייסען און אויף דער צונג זענען זיי צוגאַנגען ווי צוקער.

האָט דער מֶלֶך פערזוכט פון די פֵּירות, איז געגאַנגען איבער די גלאַטע אַלעען, פונקט ווי מיט גאָלד בעצויגען, און האָט געגאַפט. אַלץ איז דאָ געווען ניי און אַזוי שען, ווי עס קאָן נאָר עפּיס זיין שען אין אַ חָלום. אָבער ער שווייגט און רעדט קיין וואָרט נישט.

די זון ברענט שוין אַ רויטע הינטער די הויכע ריזענבוימער, און עס ווערט שוין שפּעט.

אַ גליקליכער און אַ דאַנקבאַרער, בעקוקט דער מֶלֶך צום לעצטען מאָל דעם גאָרטען און איז זיך מֵכין צו פאָהרען אַהיים. אַרום איהם פערזאַמלען זיך אַלע הויפלייט און מיט לאַנגוואַמע טריט געהט מען אַרויס פון גאָרטען.

אָבער איינער פון די הויפּלייט, דער סאַמע עלטסטער, קאָן זיך נישט ריהרען פון אָרט: ער קאָן נישט געהן, פּונקט ווי אַ צוגעשמידעטער צום אָרט.

פרעגט איהם איינער פון די הויפּלייט:

„פאַרוואָס זיצסטו? קום מיט אונז?"

ענטפערט דער עלטסטער מיט אַ פיינליכער מינע אויפ'ן פּנים:

„איך קאָן מיך נישט אויפהויבען..."

דערנעהנט זיך יענער, בויגט זיך אָן און פרעגט נאָך־אַמאָל:

„ווער האַלט דיך צו? דאָ איז דאָך קיין ילוד־אִשָׁה נישטאָ?.."

אָבער דער עלטסטער פון די הויפּלייט שרייט שוין מיט אַ פערשטיקטען קול:

„גוואַלד, איך קאָן מיך נישט אויפהויבען! גוואַלד, וואָס איז מיט מיר געשעהן!.."

בעט זיך יענער:

„פּרוב זיך, אֶפשר וועסטו זיך קאָנען אויפהויבען..."

פּרובט ער זיך מיט אַלע כּוחות, קאָן ער אָבער נישט. די פיס ריהרען זיך נישט פון אָרט, פּונקט ווי געבונדענע, און

די אויגען, אָנגעגאָסען מיט גרימצאָרן, ווילען אַרויסשפּרינגען פון אונטער'ן פערקנייטשטען שטערען. שרייט ער און שילט דעם יודען מיט'ן פּאַלאַץ, מיט'ן מאָלצייט.

לויפט דער צווייטער פון די הויפּלייט און דערצעהלט אַלץ דעם מֶלֶך. גאַפּט דער מֶלֶך און געהט אַליין אַ קוק טהאָן, וואָס דאָרט איז געשעהן מיט'ן עלטסטען פון די הויפּלייט.

קומט ער אויפ'ן אָרט, זעהט ער, ווי דער עלטסטער זיצט, ווי אַ צוגעשמידטער און די אויגען שפּרינגען איהם אַרויס פון אונטער'ן שטערען. זאָגט דער מֶלֶך:

„שטעה-אויף און קום מיט אונז..."

אָבער דער עלטסטער כריפּעט-אַרויס, ווי אַ פערוואונדעטע חַיָה:

„איך קאָן נישט, איך קאָן נישט, אַדוֹנִי הַמֶלֶך!"

רופט זיך אָן דער מֶלֶך צו איינעם פון די הויפּלייט:

„געה זאָג דעם רָב. אֶפְשַׁר וועט ער העלפען."

לויפט יענער צום רָב, וועלכער איז שוין געשטאַנען אויף יענער זייט גאָרטען און דערצעהלט איהם, וואָס עס איז גע-שעהן מיט'ן עלטסטען פון די הויפּלייט.

אויסגעהערט דידאָזיגע בשורה, רופט זיך אָן דער רָב:

„מסתּמא האָט ער עפּיס צוגענומען פונ'ם מאָלצייט-טיש.

דער מלך נויגט זיך פֿאר'ן רב און זאָגט:
„איין זאך וועל איך דיך בעטען: זיי מיר א פֿריינד...“

אָבער ער וועט זיך נישט אויפהויבען פון זיין אָרט, כָּל-זמן ער וועט נישט אומקעהרן די גנֵבָה..."

לויפט צוריק דער שָרָרה און גיט-איבער דעם רָב'ס ווערטער. האָט מען בעזוכט דעם עלטסטען פון די הויפלייט און מען געפינט ביי איהם אין קעשענע דאָס שענע זאַלצמעסטעלע. גיט מען עס איבער דעם רָב און דער עלטסטער הויבט זיך אויף תֵּיכֶף ומיַד פון אָרט און רוקט זיך אַוועק אין אַ זייט, וויל ער שעמט זיך פאַר'ן מֶלֶך און פאַר די הויפלייט.

אָבער גור אַריֵה רופט זיך אָן צום מֶלך:

"אַדוֹנִי הַמֶלֶך, אויב דאָס זאַלצמעסטעלע געפינט חֵן אין דיינע אויגען, קאָנסטו זיך עס נעהמען אויף אַ חוֹדֶש צייט. אָבער אַז דער הוֹדֶש וועט אַריבער, מוזטו מיר עס איבערגעבען צו די הענד."

האָט גענומען דער מֶלֶך דאָס זאַלצמעסטעלע און זיך אומגעקעהרט אין זיין פּאַלאַץ.

איבערגעשלאָפען רוהיג און גוט די נאַכט, האָט ער זיך אויף מאָרגען אָנגערופען צו זיינע הויפלייט:

"איצט זעה איך, אַז דער רָב איז אַ גרויסער מאַן און אַ גרויסער צַדיק, אָבער דער עלטסטער פון די הויפלייט איז אַ

שלעכטער און אַ פאַלשער מענש. פון היינט-אָן וויל איך נישט מעהר זעהן זיין געשטאַלט.״

און אַזוי איז געשעהן: דער עלטסטער פון די הויפלייט האָט זיך שוין מעהר נישט געוויזען אויף זיינע אויגען.

* *
*

די יאָהרען זענען דערווייל געלאָפען, דער מֶלֶך איז אַלט געוואָרען, אָבער ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט פערגעסען דעם פאַלאַץ מיט׳ן גאָרטען. און ער האָט עפטער געטראַכט:

„ווי קומט צום גור אַרְיֵה אַזאַ פאַלאַץ מיט אַזאַ גאָרטען? און ווי אַזוי האָט ער עס געמאַכט אַזאַ מאָלצייט? דאָס איז אַזאַ וואונדער, וואָס לאָזט זיך נישט מַשִׂיג-זיין.״

און איינמאָל זענען ביים מֶלֶך געזעסען געסט פון אַ ווייטער מְדִינָה און זיי האָבען איהם פערצעהלט אַזאַ מַעֲשֶׂה:

„דער מֶלֶךְ פון אַ ווייטער מְדִינָה האָט אַמאָל געוואָלט מאַכען אַ גרויסען באַל פאַר זיינע הויכגעשטעלטע געסט. אַז עס איז גע-

קומען דער טאָג פון באַל, איז געשעהן אַ וואונדער: דער פּאַ-לאַץ מיט די מַאכָלִים, מיט די כֵּלִים און די דינער זענען אַנטרו-נען געוואָרען פון די אויגען. זענען געקומען די שָרָות אויפ׳ן באַל, אָבער אומזיסט—נישטאָ קיין ווייַנען, נישטאָ קיין מַאכָל׳ס, קיין דינער. אַ טויטער פּלאַץ. זענען אַוועק דריי טעג און עס האָט זיך צוריקגעקעהרט דער פּאַלאַץ מיט די דינער און די וויינען. אַלץ האָט זיך צוריקגעקעהרט אויף זיין אָרט, אָבער איין זאַך האָט געפעהלט: אַ טייער און שען זאַלצמעסטעלע. ווייסט איהר אָבער, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן? אין דער זאַך איז פערמישט געווען אַ צַדִיק...״

אויסגעהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך דער מֶלֶך שטאַרק פערטראַכט. דריי-טעג האָט ער נישט גערעדט און אויפ׳ן פערטען האָט ער גערופט צו זיך דעם רָב.

ער האָט געוואָלט פרעגען דעם רָב וועגען יענעם וואונ-דערליכען פּאַלאַץ מיט׳ן גאָרטען, וואָס זענען אזוי פּלוצלונג ענטפּלעקט געוואָרען פאַר זיינע אויגען, אָבער ער האָט נישט געקאָנט פרעגען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער טאָר וועגען דעם נישט ריידען, אַז דאָס איז אַ גרויסער סוֹד, וואָס נאָר אַ גוט און שען הארץ קאָן בעקומען אַנ׳ענטפער דערויף.

און ער האָט זיך אָנגערופען צום רָב.

„דאָס גאַנצע לעבען בין איך מיך מְכַוין צו פרעגען דיין עפּיס, אָבער איך פיהל, אַז איך טאָר עס נישט טהאָן, ווייל איך בין נישט גענוג גוט און ווייל איך האָב פערגאָסען בלוט אין מיינע מִלְחָמוֹת. אָבער איין זאַך וועל איך דיך יאָ בעטען: זיי מיר אַ פריינד...

דער רֵב האָט אויפגעהויבען צוויי ריינע גוטע אויגען און זיך אָנגערופען:

„איך הער, וואָס דו זאָגסט.”

און דער מֶלֶך האָט צוגעגעבען:

„דו ביזט אַ צַדִיק, אַ ריינער געטליכער מאַן, דו וועסט זיין מיין בעסטער פריינד.”

און אַזוי איז געווען: ביז'ן סאַמע טויט איז גור אַרְיֵה געווען זיין בעסטער פריינד און זיין ליבסטער בַּעַל-יוֹעֵץ.

# קינדער־ביבליאָטעק

## פּערלאַג „יודיש"

אונטער דער רעדאַקציע פון דוד קאַסעל.

ביטשער סטאָאו . . . . . . . . . פּעטער טאָם*)

רפאל גוטמאַן . . . . . . . . . . . הלל הזקן

רפאל גוטמאַן . . . . . . . . . . . ר' עקיבא

רפאל גוטמאַן . . . . . . . . . . . חוני המעגל

רחל שאַבאַד . . . . . . . . . . . . גור אריה

רחל שאַבאַד . . . . . . . . פאַר'כשופ'טער שלאָס

רחל שאַבאַד . . . . . . . . . . . מאַי־זשוק

דוד קאַסעל . די קינדהייט פון אַ גרויסען מענשען*)

ס. ק. אַקסאַקאָוו . . . . . . דאָס רויטע בלימעל

ברידער גרים . . . . . . . . ברעמענער כלי־זמר

שרה רייזען . . . . . . . . . דער האָלץ־העקער

שרה רייזען . . . . . . . . . . . רבקה און גיטל

י. סוויפט . . . . . . . . . קליינע מענשעלאַך*)

הערבערט ספּענסער . . . . . . . תחית המתים*)

---

בעמערקונג:

*) די נעמען, וואָס זענען בעצייכענט מיט אַ שטערענדל, זענען בעשטימט פאַר עלטערע קינדער.

אין דער „קינדער־ביבליאָטעק" פונ'ם פערלאַג „יודיש" ווערט צוגעגרייט אַ נייע סעריע, אין וועלכער עס געהען אריין מעשה'לעך פון אַנדערסען, בר. גרים, לאַנג, פאָלקס־מעשה'לעך און לעבענס־בעשרייבונגען פון גרויסע מענשען, אייגאַקטערס פאַר קינדער און לייכטע וויסענשאַפטליכע ביכלעך.